אַ געוויינלעכע געשיכטע

יוסף אָפּאַטאָשו

אַרום האַלבער נאַכט איז אין זאַל געוואָרן שיטערער. פּאָרלעך זענען אַוועקגעגאַנגען, אַנדערע זענען געשטאַנען אָנגעטאָנענע – די קאַפּעליושן אויף אַ זײַט, די פּאַלטנס אַרויפֿגעוואָרפֿן, אין די לאַצן – די צעקנייטשטע בלומען. יונגע לײַט האָבן געפֿלירטעוועט מיט דאַמען, וועלכע זענען ניט אײַנגעשטאַנען אויף איין אָרט, זיך געשאַרט און געבויגן פֿון איין פֿוס אויפֿן צווייטן, געגרייצט מיט די דעקאָלטעס און אויפֿגערוימטע געוואַרט אַרײַנצוכאַפּן נאָך אַ טאַנץ.

פֿון די קאָלירטע קליידער, פּאַרפֿומען, פּודערס, פֿון די פֿינקעלדיקע אויגן, צעפּאַטלטע פֿריזורן און פֿון דעם יוניאָן-אָרקעסטער, איז אין זאַל געשטאַנען אַ טויבקייט, זיך געטראָגן איבער די קעפּ, ווי אַ שטויביקער נעפּל, און געקרעלט אין האַלדז.

דער איבערגעבליבענער עולם האָט זיך אַרומגעקוקט, אין די אויגן האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ פֿלעמל, ווי בײַ אַ פֿײַערל, ווען עס האַלט בײַם אויסגיין, טייל האָבן געכאַפּט זייערע דאַמען, געשוווּמען איבער דער גליטשיקער פּאָדלאָגע, אַנדערע האָבן זיך געהויבן שטייענדיקערהייט.

די מוזיקאַנטן, שלעפּעריקע, האָבן אויפֿגעהערט שפּילן, זיך פֿון מאָל צו מאָל דערמאַנט אַז דאָס פּובליקום וואַרט, האָבן זיי מידע צוגעלייגט די פֿידלען צו די גאָמבעס און אַ "טו-סטעפּ" האָט זיך צום הונדערטן מאָל געשאָטן איבערן זאַל.

פֿון גאַרדעראָב-צימער איז יעדער ווײַלע אָנגעקומען אַן אַנדער יונגערמאַן, באַלאָדן מיט אַ ווײַבערשן מאַנטל און קאַפּעליוש, געבליבן שטיין, געזוכט אין שטויביקן נעפּל זײַן דאַמע, זיך ווילעריש אַ לאָז געטאָן מיט אַ גליטש איבערן זאַל און איר אונטערגעטראָגן מיט אַ בויג די זאַכן.

אָן אַ זײַט, בײַ אַ טישל, איז געזעסן סטעלאַ, נאָך אַ יונגע שוישפּילערין, און געטרונקען מיט שרײַבער און סטודענטן רויטן ווײַן. די שרײַבער האָבן זיך גערוקט נעענטער צו דער אַקטריסע און די סטודענטן האָבן זי אַרומגערינגלט, זיך געדרייט אַרום איר, ווי פֿליגעלעך אַרום אַ פֿלאַם. די שרײַבער האָבן געקושט אירע הענט, געהויבן די גלעזער פֿאַר איר געזונט און זי, אַ צעשטראַלטע, אַ צעפֿלאַמטע פֿון ווײַן, פֿון קאָמפּלימענטן, האָט געענפֿערט ווען מיט אַן אויג, ווען מיט דער דעקאָלטע און ווען מיט זײַדענער הענטשקע איבערן פּנים.

שאַפּט, אַ יונגער, רײַכער סטודענט, איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט, אַן אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פֿון דער אַקטריסע, זיך געפֿילט באַליידיקט פֿאַר זײַנע חבֿרים, ווי זיי פֿירן זיך אויף, און אין דער זעלבער צײַט זיי מקנא געווען. דער ווײַן האָט אים אַ ביסל צעשרויפֿט, איז ער געשטאַנען מיט צעפֿלאַמטע אויגן, ציטערדיקע נאָזפֿליגל, געקוקט אויף איר הויכן, ווײַסן האַלדז, אויף אירע גלאַטיקע, כּמעט דורכזיכטיקע, הענט, אויף די בלאָנדע, צעפּאַטלטע האָר, וואָס זענען געפֿאַלן איבער די אויערן, און געפֿילט אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט.

סטעלאַ האָט זיך אויפֿגעשטעלט.

– איר גייט שוין? – האָבן עטלעכע שטימען מיט אַ מאָל געפֿרעגט.

– כ'גיי, ס'איז שפּעט.

זי איז דורך דעם זאַל מיט אַ שמייכל, זיך לײַכט און פֿויל געבויגן פֿון איין זײַט אויף דער צווייטער, געשטעלט געמאָסטענע טריט, ווי אַ טויב, און אַז זי האָט באַמערקט, ווי אַ פּאָר אויגן קוקן אויף איר, איז איר טראָט אינסטינקטיוו געוואָרן ווייכער, די באַוועגונגען שנעלער, בויגיקער און פֿון אַ טויב איז זי פֿאַר-וואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַץ.

די שרײַבער מיט די סטודענטן זענען נאָכגעגאַנגען, געהיט איר יעדע באַווע-גונג, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף אַ באַפֿעל.

זי האָט זיך אויסגעדרייט, געגעבן שאַפּטן אַ בלעכענעם נומער, ער זאָל אַרויסנעמען אירע זאַכן און זיס אַ שמייכל געטאָן:

– איר ווינט דאָך מיט מיר אין שכנות, קומט!

אין אַ ווײַלע אַרום איז זי שוין געשטאַנען אַן אָנגעטאָנענע, מיט אַ מאַך מיט דער הענטשקע זיך געזעגנט מיט די באַקאַנטע, גענומען שאַפּטן אונטערן אָרעם און אַרויס.

די נאַכט איז געווען אַ פּראָסטיקע. שטומע זענען זיי געגאַנגען איבער די ליידיקע גאַסן, די קעפּ פֿאַרריסן, און יעדער, ווער עס איז זיי אַנטקעגן געקומען, האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיי נאָכגעקוקט און געטראַכט, אַז דאָס איז אַ פֿאַרליבט פּאָרל.

שאַפּט איז געווען גליקלעך. ער האָט סטעלאַן ווייניק געקענט, געפֿילט, אַז זי באַמערקט אים ניט, און דאָ, מיט אַ מאָל, האָט זי אים אויסגעקליבן פֿון גאַנצן "באָנטש", ער זאָל זי אָפּפֿירן. ער האָט געקלערט, ווי צו פֿאַרפֿירן אַ שמועס: אָנ-צוהויבן פֿון וועטער איז באַנאַל, מע דאַרף זײַן אָריגינעל, און פֿונדעסטוועגן האָט ער אָנגעהויבן פֿון וועטער און איז רויט געוואָרן. זי האָט עפּעס געענט-פֿערט און שטומע האָבן זיי ווײַטער געשפּאַנט, פֿילנדיק איינער דעם צווייטן לעבן זיך.

– אָט דאָ וווין איך! – האָט סטעלאַ אַרויסגענומען די האַנט פֿון שאַפֿטס אָרעם, געטאַנצט פֿון איין פֿוס אויפֿן צווייטן, זיך געקלאַפּט מיט דער האַנט איבערן מויל – קאַלט!

זיי האָבן זיך געדריקט די הענט, שוין געוואָלט זיך צעגיין, האָט זי אַ שמייכל געטאָן:

– איר וועט אפֿשר אַרויפֿגיין?

– כ'ווייס... אויב ס'איז ניט שפּעט?

– נאָ, מײַנע עלטערן שלאָפֿן שוין, קומט אַרויף, מע וועט מאַכן אַ גלעזל טיי, גוט?

זי האָט אויפֿגעשלאָסן די טיר.

– פֿאַלט ניט, ס'איז פֿינסטער, איבעריקנס, גיט מיר אַ האַנט, אָט אַזוי!

מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם האָט שאַפֿט זיך געלאָזט פֿירן, געפֿילט איר וואַרעמע האַנט און געווען צעמישט פֿון פֿרייד. אויפֿן צווייטן שטאָק האָט זי זיך אָפּגעשטעלט:

– און אפֿשר טאַקע צו שפּעט, ווי זאָגט איר?

שאַפֿט האָט זיך פֿאַרלוירן, געפֿילט, ווי ער ווערט רויט און עפּעס געשטאַמלט.

– צום טײַוול! – האָט סטעלאַ זיך צעלאַכט – וואָס מיר עטיקעט, קומט, מיר וועלן טרינקען אַ הייס גלעזל טיי, אַז ס'איז מיר אַזוי קאַלט!

זי האָט צעעפֿנט דאָס מויל און גענומען קלאַפּן מיט די ווײַסע ציין, ווי מיט שנירן פּערל.

– און האַניק האָט איר ליב? איך וועל אײַך געבן ברויט מיט האָניק, גוט?

אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק זענען זיי שטיין געבליבן. זי האָט לאַנג געשלאָסן די טיר, אים שטיל אַרײַנגעפֿירט, געלאָזט שטיין אין דער פֿינסטער און אַליין איז זי פֿאַרשוווּנדן. איידער שאַפֿט האָט צײַט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, איז סטעלאַ צוריק אַרײַן און אָנגעצונדן דעם גאַז. זי האָט זיך שוין געהאַט איבערגעטאָן – געטראָגן אַ ״קימאָנאָ״ פֿון רויטן סאַמעט. זי האָט אים דערלאַנגט אַן אַלבום און שטיל געזאָגט:

– באַקוקט דערווײַל די בילדער און איך וועל מאַכן טיי.

שאַפֿט האָט געמישט דעם אַלבום, גאָרניט געזען, געפֿילט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט, געציטערט און זיך אַרומגעקוקט.

דאָס צימער האָט אויסגעזען, ווי מע וואָלט זיך געהאַלטן פֿון דאָרט בײַם אַרויסקלײַבן. אויף די ווענט און אויף די שטולן זענען געהאַנגען קליידער, אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ צעעפֿנטער ״טראָנק״ און די לופֿט איז פֿול געווען

מיטן ריח פֿון פּודער און אָדעקאָלאָן.

סטעלאַ איז אַרײַן מיט צווײ גלעזער טײ, מיט צווײ פּליטשן ברויט, באַשמירט מיט האָניק. זי האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַ לעדערנער אָטאָמאַנע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל, באַהאַלטן די פֿיס הינטער זיך, געקײַעט דאָס ברויט און אַ פֿרעג געטאָן שאַפֿטן:

– נו, ווי שמעקט אײַך דער האָניק?

און אײדער שאַפֿט האָט צײַט געהאַט צו ענטפֿערן אויף איין פֿראַגע, האָט סטעלאַ אים געפֿרעגט צען נײַע. געוויזן מיט דער האַנט נעבן זיך:

– זעצט אײַך!

שאַפֿט האָט זיך אַוועקגעזעצט.

– רוקט זיך צו נעענטער! ווי ער שעמט זיך, אָסור אַ מײדל, כאַ, כאַ, כאַ! נעענטער, אָט אַזוי...

זי האָט אַ הויב געטאָן די ווײַסע, דורכזיכטיקע האַנט מיט די לענגלעכע פֿינגער, אַ בליץ געטאָן מיט טראָפּנס פֿײַער און מיט די פּוכלע, ווי קישעלעך, שפּיצן פֿינגער, האָט זי שאַפֿטן קוים אָנגערירט פֿאַר אַ האַנט:

– אַצינד, מײַן באָי, דערצײל מיר וועגן זיך, דערצײל וועגן דײַנע ליבעס... דו גוסטירסט אַוודאי אין אַ ברונעטקע, ביסט דאָך אַ בלאָנדער, דערצײל, כ׳וויל אַלץ וויסן...

סטעלאַ האָט אים געגלעט איבער דער האַנט, איבערן פּנים, איבער די האָר, געבלענדט מיט די בריליאַנטן, – האָט שאַפֿט געפֿילט, ווי עפּעס פּלאַצט אין אים, בריט, ווי די פֿלעמלעך פֿון אירע פֿינגער וואָלטן אים אַרומגענומען.

– און מיך האָסטו ליב, כ׳בין דאָך אַ בלאָנדע? – האָט זיך סטעלאַ געפּיעשט-שעט – וואָס קוקסטו אויף דער וואַנט? שעמסט זיך, מײַן חסידל?

זי האָט זיך מיט אַ מאָל אויפֿגעזעצט, אַרײַנגעלאָזט די פֿינגער אין זײַנע קוטשמעס, זיך אָפּגערוקט ווי ווײַט די הענט האָבן איר דערלויבט, אים דורכגעעגבערט מיט די אויגן:

– האָסט מיך ליב?

ווי פֿון אונטער דער ערד אַרויס איז אויסגעוואַקסן אַן עלטערער ייִד אין אַ טלית קטן, מיט אַ יאַרמולקע אויפֿן גאָלן קאָפּ, גלײַכגילטיק געקוקט אויפֿן פּאָרל, ווי אויף אַ שטיקל מעבל, און זיך צעגעניצט.

סטעלאַ האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון שאַפֿטס הענט און זיך צעבײזערט אויפֿן טאַטן:

– טאַטע, וואָס גײסטו ניט שלאָפֿן?

דער אַלטער האָט ניט געענפֿערט, ווי מע וואָלט אים ניט געמײנט, זיך גע-

Studioportret van Moisje Koelbak, Josef Opatoshu, Max Erik en Zalman Reisen (van rechts naar links) bestuursleden van de Jiddisje P.E.N. Club,1928.

וואַשן די הענט, הויך געזאָגט ״אַשר יצר״, אָפּגעזיפֿצט און פֿאַרשוווּנדן.

אַ בויגיקע איז סטעלאַ צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי עטוואַס געעפֿנט און זיך אײַנגעהערט. זי האָט מער אויפֿגעדרייט דעם גאַז, געכאַפּט אַ קוק אין שפּיגל און אַ צעשטראַלטע האָט זי מיט אַ מאָל אַרומגעכאַפּט שאַפֿטס קאָפּ מיט בײדע הענט, אויסגעשריגן: ״נאָ!״, אים געטאָן אַ קוש און אָפּגעשפּרונגען.

שאַפֿט האָט געפֿילט ווי דאָס קדחת וואַרפֿט אים, איז ער אויפֿגעשפּרונגען, אַראָפּגעדרייט דעם גאַז און זיך גענומען יאָגן נאָך סטעלאַן.

– וואָס טוט איר? דרייט צוריק אַרויף! – האָט סטעלאַ אים געגראָזשעט מיט אַ פֿינגער.

זיי האָבן זיך גענומען האַמפּערן און אין שטוב איז געוואָרן פֿינסטער.

אין אַ ווײַלע אַרום איז סטעלאַ געזעסן מיט צעלאָזטע האָר, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און געווישט די אויגן.

שאַפֿט איז געשטאַנען פֿאַר איר אויף די קניִען, זיך געפֿילט שולדיק. ער האָט איר געקושט די הענט, די פֿיס, זי געהאַלטן אין איין איבערבעטן.

– נו, וויין ניט, סטעלאַ, כ׳בעט דיך!

סטעלאַ האָט ניט געענטפֿערט, אים אָנגעקוקט אַ רגע מיט די פֿאַרוויינטע אויגן און זיך שטיל צעהעשעט. שאַפֿט האָט ניט געקאָנט הערן, ווי זי וויינט, פֿאַרביסן די ליפּן, זיך געקנאַקט די פֿינגער און זיך געבעטן בײַ איר:

– טאָ וואָס ווילסטו, זאָג? אַז כ׳בין אויף אַלעם גרייט, אַבי וויין ניט! וואָס

שוויַיגסטו?

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר, אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אָן זײַן ברוסט, איר געווישט די טרערן:

– נו, באַרויִק דיך!

– האָסט מיך ליב? – האָט סטעלאַ אים געווּיספּערט אויפֿן אויער – שטאַרק ליב?

– אַוודאי האָב איך דיך ליב!

– דו ווייסט, מיט מיר איז נאָך קיינער אַזוי נאָענט ניט געווען! דו ביסט דער ערשטער... ווײַל כ'האָב דיר געגלויבט... ביסט אַזאַ שטילער, מיט אַזאַ לײַדנד פּנים... און כאָטש פֿרויען גלויבן ניט אַזעלכע... האָסטו מיך ליב, זאָג? זעסט, איך האָב דיר געגלויבט... כ'האָב פֿון ערשטן קוק געזען, אַז דו ביסט אַנדערש, ווי דײַנע קאָלעגן... מײַן שעמעוודיקער בחור, עס ווערט אַזוי גוט זײַן! וואָס ביסטו אומעטיק? בײַ מיר וועסטו תּמיד זײַן פֿריילעך! דײַנע עלטערן וועלן זײַן קעגן? וועל איך ווערן אויס שוישפּילערין...

שפּעט בײַנאַכט איז שאַפּֿט אַרויס אויף דער גאַס. ער האָט זיך אײַנגעקאָרט-שעט, אַראָפּגערוקט דעם קאַפּעליוש איבער די אויגן און פֿעסט געשפּאַנט. אַ טרוקענער שניי האָט געשטאָכן אין פּנים. די קעלט האָט אים דורכגענומען, אויסגעלופֿטערט, ער האָט גענומען גיין פּאַמעלעכער, און זיך צעשמייכלט. דער גאַנצער עסק איז אים אויסגעקומען עפּעס ווי אַ טעאַטער-שטיק.

■